# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

**חודש תשרי** תשפ"ו ◆ עלון מס': **173**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### לי הכסף והזהב (חלק ב')

עס וועט שוין נישט געדויערן לאנג! משיח צדקנו וועט קומען צו גיין, דער בית המקדש וועט געבויט ווערן, דאס אידישע פאלק וועט נתגלה ווערן מיט איר גרעסטן פראכט.

פאר לאנגע יארן האבן די פעלקער געפייניגט דעם איד. זיי האבן געזוכט איר אויסצומעקן, אבער אין יענער רגע וועט זיך אלעס איבערדרייען - די גאנצע וועלט וועט איינזען אז הקב"ה האט בוחר געווען דער איד און אים דערהויבן פון אלע פעלקער, ורוממתנו מכל לשון.

אז מען געבט א קוקט אריין אין די מדרשי חז"ל באגעגענט מען זיך מיט הערליכע שילדערונגען איבער וואס עס וועט זיין אין יענער צייט, ווי לעכטיג עס וועט זיין, ווי דערהויבן עס וועט זיין דער רגע ווען הקב"ה וועט מאכן דער מחול לצדיקים, און יעדער וועט קענען אנווייזן מיט די פינגער און אויסשרייען 'זה ה' קיווינו לו'.

נאך אזויפיל יארן פון ווארטן האבן מיר זיך נישט מייאש געווען, מיר זענען געבליבן קלאר, מיר האבן זיך נישט דערשראקן, מיר האבן זיך אויסגעלאכט פון אלע רדיפות, פון אלע נסיונות, מיר זענען אלעס אריבער, אויך אין די שווערסטע מינוטן האבן מיר נישט פארלוירן אונזער האפענונג, נאר געהאפט און געגלייבט אין הקב"ה אז ענדע וועט ער קומען צו גיין און אונז אויסלייזן פון גלות.

די פעלקער וועלן שטיין אינדערזייט. זייערע אויגן וועט אויסגיין פון קנאה. זיי וועלן פארשטיין אז זיי האבן געגרייזט און אז יעצט איז געקומען די צייט צו באקומען זייער פארדינטע שטראף.

אין יענע מינוטן וועלן די פעלקער קומען צו גיין מיט זייערע בלאפערישע און פארפירערישע פנימ'ער, און זיך פראבירן צו פארענטפערן אז זיי זענען נישט שולדיג און אז בעצם האבן זיי געמיינט די גוטס פון כלל ישראל.

יעדע לאנד קומט אין די רייע, יעדער ברענגט זיינע זאכן וואס ער האט געטון פאר'ן כלל ישראל.

די ערשטע אין די רייע קומט צו גיין רוים. דער רבוש"ע פרעגט פאר די רוימער, וואס האט איר געטון פאר'ן כלל ישראל? זיי זאגן אז זיי האבן געבויט געסער, בעדער און אלעס האבן זיי געטון אז כלל ישראל זאל קענען זיצן און לערנען במנוחה און ווי עס איז דער לשון פון חז"ל: שואל הקב"ה את מלכות רומי: במה עסקתם? אומרים לפניו: ריבונו של עולם! הרבה שווקים תיקנו, הרבה מרחצאות עשינו, הרבה כסף וזהב הרבינו - וכולם לא עשינו אלא בשביל ישראל, כדי שיתעסקו בתורה!

דער באשעפער בלייבט זיי נישט שולדיג. ער ווייזט זיי אויף אז אלעס וואס זיי האבן געטון האבן זיי געטון פאר זייערטוועגן און ווי חז"ל דרוקן זיך אויס: עונה להם הקב"ה - שוטים שבעולם! כל מה שעשיתם - לצורך עצמכם עשיתם! תיקנתם שווקים כדי להחטיא בני אדם, מרחצאות - לעדן בהן עצמכם, כסף וזהב - שלי הוא, שנאמר (חגי ב): "לי הכסף ולי הזהב".

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די ווערטער, וועט מען זעט אן אינטערעסאנטער זאך. אינדערצייט וואס איבער די פעולות וואס זיי האבן געטון איז דא א משא ומתן פארוואס זיי האבן עס געטון, איז אבער איבער די שאלה וועגן געלט נישט דא קיין משא ומתן.

דארט זאגט זיי הקב"ה גלייך, מיט א גלאטקייט, די געלט האט נישט מיט אייך, אלעס איז מיינער.

א שיינער לשון איז דא אין רד"ק אויף דער פסוק 'לי הזהב ולי הכסף'.

ער דרוקט זיך אויס דארט מיט די ווערטער: "ביד מי שהוא - שלי הוא".

עס מאכט נישט קיין חילוק וואו דאס געלט ליגט, אייביג איז עס מיין געלט. דער מענטש קען עס באהאלטן אין זיין באנק קאונטע, אין די ערד, אייביג געהער עס צו הקב"ה.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די מימרא, וועט מען זען אז די דאגה פון א מענטש פאר געלט איז איבריג. דאס געלט ליגט אין די הענט פון הקב"ה, אלעס איז זיינער און אז מיר זענען זיינע קינדער - זענען מיר די ערשטע וואס דארפן עס באקומען.

עס איז ריכטיג אז עס איז דא א גזירה אז מען מוז ארבעטן, מען מוז מקיים זיין די ציווי פון בזעת אפך תאכל לחם, אבער עס מיינט נישט אז מיר דארפן אריינגיין אין א פרעשור.

מיר דארפן געדענקען אז אלעס געהער צו אים, אז אלעס קומט פון אים און מיר קענען זיין רואיג.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו שפע רב מן השמים.

(ארויסגענומען פון שיעור 261 אין שער הבטחון)

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### 14 יאר פון האפענונג 14 יאר פון אמונה מיט שמחה

איך האב א נאנטער ידיד וועלכע האט 14 יאר געווארט אויף קינדער. עס איז א ביטערע איבערלעבעניש! עס איז א שטענדיגער פארמעסט, אבער אויב דו האסט אים נישט געקענט - האסטו גארנישט געזען אויף אים.

שטענדיג איז ער געווען פריש, מונטער, שמייכלדיג, אויפגעלעבט.

די לעצטע שבת פרשת נצבים האט מען געהערט די בשורה טובה אז ער האט געהאט זיין ערשטע טאכטער בשעה טובה ומוצלחת.

די שמחה איז געווען אין לתאר ואין לשער.

די ציבור האט זיך מיטגעפרייעט מיט אים, די מזל טוב'ס זענען ארויף אויף די העכסטע טענער.

אלע האבן גערעדט פון דער גרויסער נס, אבער איך בין געשטאנען פארגאפט און זיך מתבונן געווען אויף אים ווי אזוי איז אריבער אויף אים די לעצטע 14 יאר.

איך האב נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי באווייזט מען עס? פון וואו שעפט מען די כוחות? גריבלנדיג פאר א הסבר האב איך זיך באגעגענט מיט א מאמר וואס דער זעלבער יונגערמאן האט געשריבן.

דער קעפל פון דער מאמר לייגט זיך: **ווען מ'פארשטייט אז הקב"ה איז גוט - הערט מען אויף צו דאגה'נען.**

דאס איז דער קעפל פון דעם מאמר. מיט דעם הייבט ער אן, אבער דאס איז נאר די קעפל. אין דער מאמר שפינט ער ווייטער זיינע ווערטער און קריכט אריין אין די טיפענישן פון אונזער הארץ און שטעלט אראפ א מורא'דיגער יסוד אין לעבן, אין דער בליק וואס א איד האט אויף דער 'כי טוב ה''.

דער מענטש זאגט צו זיך - איך ווייס און כ'גלייב אז הקב"ה איז גוט, אז ער מיינט מיין גוטס, אז אלעס וואס ער מאכט איז פאר מיין טובה וועגן, אבער ווי אזוי ווייס איך וואס איז גוט פאר מיר? איך קען דאך נישט די חשבונות פון הימל.

"אפשר ווייסט הקב"ה אז פאר מיר איז גוט אז איך זאל זיך מוטשענען אויף פרנסה, אז איך זאל זיין אן אלטער בחור, אז איך זאל זיך מוטשענען מיט א קינד, אז איך זאל זיין קינדערלאז, נאר דער באשעפער ווייסט וואס עס איז גוט פאר מיר".

נאך א סארט מחשבה וואס קומט אסאך מאל צו גיין, איז די מחשבה אז עס קומט נישט מיר! איך בין נישט גענוג ערליך, איך דארף זיין בעסער.

אויב דו טראכסט אזוי - **ווייס אז דיין 'טוב ה' לכל' איז נאכנישט בשלימות.**

א איד טראכט נישט אזוי! ווען א קינד בעט עפעס פון הקב"ה מאכט ער נישט קיין חשבונות צי ער איז ווערד די זאך צי נישט. ער בעט. ביי א איד דארף זיין די זעלבע, מ'דארף גלייבן און בעטן אז די זאך זאל קומען אזוי ווי עס איז.

עס מיינט נישט אז דו דארפסט נישט פארבעסערן דיינע מעשים. יא, דו דארפסט ווערן בעסער, אבער דאס איז נישט קיין אפהאלט צו גלייבן אז עס קומט דיר נישט.

מיר זענען סיי ווי סיי נישט ווערד וואס מיר באקומען - אלעס איז לויטערע חסדים - מיר דארפן נאר בעטן.

אזוי לאנג ווי דו האסט נישט געהערט פון דעם רבוש"ע מיט א קלארקייט, ווי משה רבינו האט געהערט פון הקב"ה די ווערטער 'אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה', אז דאס איז נישט פאר דיר - זאלסטו ממשיך זיין צו בעטן.

דער געדאנק האט דער איד גענוצט, און דאס איז גילטיג אויף אייביג, אויך אויף חודש תשרי, מיר דארפן וויסן כי טוב ה' און מיר דארפן בעטן און בעטן ווייל הקב"ה וויל פאר אונז דאס בעסטע.

**כתיבה וחתימה טובה**
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## צייט פאר יענעם - צייט פאר זיך אליין

אין די שפעטע נאכט שעה'ן האב איך זיך אומגעקערט פון די ישיבה. אין שטוב האט געשמעקט א ראש השנה'דיגער שמעק, די כרתי האט זיך געפרעגעלט, לכבוד ראש השנה.

איך האב באטראכט די כרתי, און מיין מאמע זאגט מיר אז זי האט מיר צו דערציילן א שיינע נקודה איבער די כרתי.

אין די לעצטע יארן ווערט מיין מאמע יעדן טאג גיין באזוכן איר טאטע. איר טאטע איז שוין נישט א יונגער מענטש, ער איז שוין אויף די עלטער, עס פעלט אויס אז מען זאל אים באדינען.

זי ציפט אראפ פון איר צייט און זי גייט אים באזוכן און איז מקיים די מצוה פון כיבוד אב ואם.

אויך יענער ערב ראש השנה האט זי זיך געגרייט צו גיין באזוכן דעם טאטן. וויסנדיג אז זי ווערט זיין אין גאס און זי ווערט דארפן ערלעדיגן נאך עטליכע זאכן, האט זי געמאכט א שטיקל סדר וואו זי ווערט גיין ערשט און וואו זי ווערט גיין שפעטער.

איינס פון די ערשטע וואו זי האט געפלאנט צו גיין, איז געווען צו אן אפיס וואס געבט זיך אפ מיט'ן העלפן די עלטערע אידן און ערלעדיגט הילף פאר זיי.

זי האט געפלאנט אריינצוגיין דארט און איינגעבן אן אפליקאציע פאר די אפיס, בעטנדיג אז זיי זאלן איר סערווירן די הילף וואס זי דארף האבן.

עס איז א לאנג פארצויגענער פראיעקט. עס קען נעמען א שטיק צייט ביז ווען מען זעט זיך ארויס פון איר.

ארויסגייענדיג פון איר טאטע באגעגנט זי א באקאנטן וואס ארבעט אין יענער אפיס.

"פארוואס געבסטו נישט איין אן אפליקאציע פאר דיין טאטע"? האט דער איינגעשטעלטער געוואלט וויסן.

"איך בין גראדע אויפ'ן וועג צו אייך".

"דארפסט נישט קומען, געב מיר איבער די דאקומענטן".

מיין מאמע האט זיך געשפּארט צייט און ענערגיע.

זי האט אויך געערעכנט איינצוקויפן גרינצייג, אבער אויך דאס האט זי פארשפארט טרעפנדיג ביי די גרינצייג סוחר קענגן איר שטוב פאר ביליג די גרינצייג.

"אין ווייניגער ווי א האלבע שעה בין איך געווען אין שטוב".

מען מיינט אז מ'שפארט זיך איין צייט ווען מען גייט נישט צו די עלטערן - למעשה איז עס פונקט פאַרקערט, אז מ'פארדינט נאך צייט.

## צוריקבאקומען הונדערט פראצענט

עס איז אן ערב סוכות'דיגע מצב אין שטוב. איך האב ברוך ה' א געבענטשטע שטוב פון קינדער. די שטוב האט געלעבט אויף אלע באקן, ווען פלוצלונג באמערק איך אז די בוילער אין שטוב, פון וואו עס קומט צו גיין די ווארעמע וואסער פאר'ן שטוב, ארבעט נישט.

איך האב גלייך באשטעלט א פלאמבער. איך האב אים געבעטן ער זאל קומען צו גיין און באקוקן וואס עס גייט פאר. א שטיק צייט שפעטער איז ער געקומען צו גיין און באקוקט די מאשין.

ער געבט עס א קוק אן און זאגט מיר, אז עס טוט אים לייד, אבער די בוילער ארבעט מער נישט.

"גלייך נאך יום טוב וועל איך צוריקקומען צו דיר אין שטוב און עס פאררעכטן".

## אין זכות פון די אמונה

איך האב א זיסער ברודער. ער איז פול מיט לעבנסלוסט, ער דרייט איבער די שטוב, אבער איין טאג האט ער זיך אנגעהויבן שפירן נישט גוט. אין אנהייב האט מען געמיינט אז עס איז א קלייניגקייט, אבער ווען עס איז נישט אריבער איז מען געגאנגען צו א דאקטער פאר אן אונטערזוכונג.

מען האט אים אונטערגעזוכט און געטראפן אז ער ליידט פון א שווערע לונגען אנטצינדונג.

פארצייטנס איז דאס געווען א מסוכנ'דיגע קרענק, אבער ברוך ה' אז היינט, מיט די ענטוויקלונג פון אנטיביאטיק און עס גייט אריבער. מען האט אים געגעבן אנטיביאטיק אבער די אנטצינדונג איז נישט אריבער.

מיט די טאג איז מיין ברודער געווארן שוואכער און שוואכער, אז איך האב אים נישט דערקענט. זעענדיג אז עס גייט נישט אריבער, האט מען אים געטראגן אין שפיטאל. נאך א לענגערע אונטערזוכונג האט מען באשלאסן אז מ'מוז אפערירן דאס קינד אבער אזוי ווי דאס קינד איז געווען צי שוואך איז געווען א חשש אז דאס קינד וועט עס נישט קענען דורכמאכן.

ביני לבני האט מען אים געגעבן זאכן וואס זאלן שטארקן זיין קערפער.

מיט די צייט איז זיין מצב געווארן בעסער און בעסער ביז דער דאקטער האט געזאגט אז מארגן וועט מען אים שוין קענען אפערירן.

"ער וועט מוזן פאסטן פון ביינאכט", האט דער דאקטער געזאגט.

עס איז געווען א מיטוואך. עס האט געהייסן אז דאנערשטאג גייט זיין די אפעראציע. מיר זענען א גרויסע משפחה, און די גאנצע משפחה האט זיך געגרייט צו די גרויסע אפעראציע. מען האט געזאגט תהלים און מען האט געהאפט אז דאס איז עס - אז די שווערע איבערגאנג קומט שוין אן צו איר ענדע.

עס איז אריבער עטליכע שעה און די אפעראציע האט זיך געשלעפט. זעענדיג אז עס ווערט שפעט איז דער דאקטער געקומען צו גיין און געזאגט אז ענדע וועט די אפעראציע נישט זיין היינט.

פארוואס? ער האט געהאט א גאנצע לאנגע רייע פון תירוצים, איינס האט נישט געקלעבט מיט די אנדערע.

די אונטערשטע שורה איז געווען אז די אפעראציע גייט נישט זיין היינט.

"לאמיר געבן פאר'ן קינד צו עסן", האט מיין מאמע גלייך געזאגט.

די דאקטוירים האבן זיך געגרייט אז דא גייט זיין קולי קולות און די משפחה גייט פארפירן, אבער מיין מאמע האט עס אנגענומען רואיג זאגנדיג אז אלעס איז פון הימל און מען דארף זיך לאזן פירן פון אויבן.

"עס מיינט אז דו וועסט דארפן זיין דא שבת, ווייל נאר זונטאג קען מען אפערירן".

"גם זו לטובה, אויב דאס איז דער רצון ה' זאל עס זיין אזוי".

עס איז געווען אין די וואך פון ראש השנה. וויסנדיג אז נאך די אפעראציע דארף מען בלייבן עטליכע טעג, האב איך אויפגעמערקט פאר מיין מאמע אז עס איז דא גרויסע שאנסן אז מיר וועלן זיין דא ראש השנה.

אויך אויף דעם איז די תשובה געווען די זעלבע, אז אויב דאס איז רצון ה' זאל עס זיין אזוי.

למעשה איז אנגעקומען די שבת, איך בין געווען דארט מיט מיין ברודער, די מצב האט זיך אנגעהויבן פארבעסערן.

פון טאג צו טאג איז דער מצב געווארן בעסער און נאך בעסער. עס איז געקומען צו אזא מצב אז די דאקטוירים האבן געזאגט אז מ'דארף מעגליך נישט מאכן די אפעראציע.

ביי די אונטערזוכונג זונטאג איז דער דאקטער געווען שאקירט פון די רעזולטאטן און גלייך באפרייט מיין ברודער.

מען האט געזען בחוש ווי אזוי די אמונה פון מיין מאמע האט געברענגט די ישועה.

## בחסד תיבנה סוכה

רוב מענטשן האבן יעדע יאר די זעלבע סארט סוכה, אבער איך בין פון די אידן וואס יעדער יאר האב איך אן אנדערע סוכה.

עס נעמט זיך פון דעם ווייל איך וואנדער ארום, יעדער יאר טרעף איך זיך אין א צווייטע דירה.

די דירה איז א דירה, אבער ווען עס רעדט זיך פון א סוכה האב איך זיך געמוזט צופאסן ברעטער.

איך האב זיך געמאכט אזא סדר, איך האב זיך געקויפט אסאך ברעטער, אויב כ'דארף אסאך ברעטער נוץ איך זיי, אויב נישט וועל איך עס פארבארגן

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

אלץ איינער וואס הערט אויס רעגלמעסיג די 'השגחה פרטית' האטליניע וויל איך אייך דאנקען פון טיפן הארצן אויף די שיינע און באלערנדע מאטעריאל וואס איר ברענגט דא אראפ שטענדיג. א באזונדערע דאנק וויל איך געבן פאר די דרשה פון די רבנים. יעדער ווארט זייערער באריירט דאס הארץ. עס שטארקט און עס געבט כח. יעדע מאל איך הער עס ווער איך איבערגענומען פון פריש, איך באקום כח זיך צו פארמעסטן מיט די שוועריגקייט פון מיין לעבן.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

איך האב א וואוילער קינד. ער איז א פיינער בחור, א געשמאקער בחור, ער איז געבוירן געווארן מיט א געזונט שוועריגקייט. ווען ער איז אנגעקומען צו די עלטער פון שידוכים האב איך זיך זייער געמוטשעט מיט אים. איך האב זיך געגרייט אז איך וועל האבן שוועריגקייטן מיט'ן שליסן א שידוך פאר אים, אבער די הצעות וואס מען האט פארגעשלאגן פאר אים איז געווען שוואכער ווי איך האב זיך געראכטן. עס איז ממש נישט געווען מיטוועמען צוגיין צום טיש. זעענדיג אז די ישועה זוימט זיך, האב איך באשלאסן אז איך גיי תורם זיין געלט פאר די מכון 'השגחה פרטית'. איך האב עס נישט געטון אלץ סגולה, נאר גלייבנדיג אין דער זאך פון שטארקן אידן אין אמונה. איך האב אויסגעשטעלט מיין תרומה אין פעימענטס. אין דער טאג ווען עס האט געדארפט ארויסגיין די ערשטע פעימענט האט מען צום ערשטן מאל אנגעטראגן א לייטישער שידוך. עטליכע טעג שפעטער האבן מיר געבראכן טעלער בשעה טובה ומוצלחת.

פאר אנדערע.

איין יאר קלינגט מיר אן מיין שוואגער. ער בעט מיר אז ער דארף סוכה ברעטער, צי איך קען אים בארגן ברעטער.

יענע יאר האב איך געהאט איבריגע ברעטער, איך האב עס געגעבן, אבער מיין שוואגער האט מיר געבעטן א טובה. ער האט געוואלט מאכן סימנים אויף די ברעטער, די ברעט קומט דא, די ברעט קומט דא.

איך האב נישט געהאט קיין חשק, אבער נאך דעם וואס ער האט מיר געבעטן האבן מיר באשלאסן אז ער וועט מאכן קליינע סימנים.

ער האט געמאכט סימנים און מיר האבן אוועקגעפאקט די ברעטער.

יענע יאר איז געווען מיין מזל'דיגע יאר. אין יענע יאר האב איך געטראפן אן אייגענע דירה און זיך באזעצט אין איר.

אין דער בנין איז געווען א גרויסער סטארעדזש ווי יעדער קען האלטן די ברעטער. אריינקומענדיג אין די דירה האב איך אריינגעלייגט די ברעטער אין דעם גרויסן סטארעדזש.

פאר סוכות האב איך זיך געגרייט צוגיין ארויסנעמען די ברעטער, אבער יעצט כאפ איך זיך, די סטארעדזש איז דאך פול מיט ברעטער ווי אזוי גיי איך דערקענען מיינע ברעטער?

דאן האב איך זיך דערמאנט פון די סימנים וואס מיין שוואגער האט געמאכט, איך האב אים אריבערגערופן און געבעטן ער זאל מיר העלפן דערקענען די ברעטער.

יעצט האב איך געזען אויף צוריקצוועגס ווי אזוי די חסד וואס איך האב געטון מיט אנדערע איז מיר צוניץ געקומען.

פון טון א טובה פאר א צווייטן איד דערלייגט מען נישט.

## די פרייז פון א שבת'דיגע קישקע

עס דערציילט א איד פון בית שמש:

אין די וועלט איז דא א באקאנטער מאמר, אז יעדע טריט וואס מען טוט פאר א צווייטן שפּאָרט טויזנט טריט פאר זיך אליין.

היינט וויל איך ענק פארציילן איבער א לעבעדיגער ביישפיל וואס איך האב אליין מיטגעלעבט און צוגעזען ווי אזוי דער מאמר איז מקוים געווארן ביי מיר.

מעשה שהיה, אז איך גלייך אנצוגרייטן די שבת'דיגע קישקע אין שטוב, אדער די 'מעל קוגעל', ווי אסאך רופן עס אן אין די היינטיגע וועלט, על שם די אמאליגע קישקע.

איין וואך האב איך גערעדט מיט מיין שכן איבער די קישקע. איך האב אים געזאגט אז כ'גרייט עס אליין אן. זעענדיג ווי אזוי ער ווערט אזוי באגייסטערט פון דעם, האב איך אים געגעבן צו פארזוכן אביסל פון דעם. ער האט עס פארזוכט און עס געגליכענט.

איך האב אים פארגעשלאגן אז כ'וועל אים געבן יעדע פרייטאג פון דעם ער זאל האבן שבת ביי זיך אין שטוב די קישקע.

פון דאן איז עס געווארן א קביעות, יעדע וואך פרייטאג קומט ער אריבער צו מיר אין שטוב און איך געב אים קישקע.

איך וואוין אין בית שמש, איין שבת האב איך געדארפט אריינפארן קיין ירושלים, צו פראווענען דארט א שבת מיט די משפחה, ביי א שמחה.

איך האב פארגעסן פון מיין שכן, אבער זייענדיג אונטערוועגנס האט ער מיר געקלינגען פרעגנדיג וואס טוט זיך מיט די קישקע.

"דער אמת איז אז איך בין נישט יעצט אין שטוב, אבער איך האב נאך אין פריזער א שטיקל קישקע. אז דו ווילסט קענסט בעטן א שליסל פון מיין שכן. גיי אריין צו מיר אין שטוב און נעם דיר ארויס פון פריזער א שטיקל קישקע".

איך האב אראפגעלייגט דער טעלעפאן. איך טראכט צו מיר, רבוש"ע, וועגן א שטיקל קישקע דארף מען זיך אזוי נאריש מאכן, גיין צו די שכנים, נעמען א שליסל, איך האב צוריקגעקאללט דעם שכן און אים געזאגט אז איך מיין אז עס איז איבערגעטריבן, ער זאל עס נישט גיין נעמען.

"נישט איז נישט", האט ער מיר געזאגט.

די שבת איז אריבער מיט א געהויבנקייט. נאך שבת קום איך אן אהיים און שוין ביים ערשטן טריט אריין אין שטוב האב איך געשפירט א שווערע גערוך.

די גערוך איז געווען פון די פריזער. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די פריזער איז בטעות געבליבן אפען. עס איז געווען א הייסע שבת, אלעס איז קאליע געווארן.

איך האב געזען ווי אזוי פון הימל האט מען מיר געוואלט מציל זיין פון דעם שאדן, עס מונע זיין דורכן טון א חסד מיט א צווייטן, אבער איך האב נישט זוכה געווען צו דעם.

איך האב באקומען א פערזענליכע לעקציע אז וואס מ'טוט פאר יענעם - טוט מען בעצם פאר זיך אליין.

איך האב זיך פראבירט איינבעטן ער זאל עס מאכן יעצט, אבער ער האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז אויך ביי אים אין שטוב איז יעצט ערב יום טוב.

"אז דו וועסט עס פאררעכטן יעצט וועט עס ווערן אריינגערעכענט אין די הוצאות שבת ויום טוב, און כידוע איז אויף די הוצאות דא א גאראנטי אז הש"ת צאלט זיי צוריק פולקאם".

דער פלאמבער האט געגליכענט מיין פשעטל, אבער ער איז נאך אלץ נישט געווען אין די גיסטע צו בלייבן דא.

"אויב דו געסט מיר דאפלט וועל איך עס מאכן, פיר הונדערט פונט".

עס איז א גרויסע סומע, אבער איך האב מסכים געווען, זאגנדיג אז עס איז הוצאות שבת ויום טוב.

ער האט פאררעכטן די בוילער, איך האב אים געגעבן דאס געלט און מיר האבן זיך געשיידט.

עס האט נישט געדויערט לאנג, מען קלאפט אין טיר, ביים טיר שטייט דער פאסט מאן, ער וויל מיר איבערגעבן א פערזענליכע בריוו.

נאכ'ן איבערנעמען די בריוו און עס עפענען זעה איך א טשעק, עס איז געווען פון אן אינשורענס קאמפאני. זיי שרייבן מיר דארט אז זיי זענען מיר שולדיג.

די סומע איז געווען פיר הונדערט פונט!

איך האב זיך געווערטעלט מיט דעם אז די הוצאות פון שבת ויום טוב באקומט מען גלייך צוריק, און דא האב איך צוריק דאס געלט א פעני צו א פעני.

א לעבעדיגער ביישפיל איבער הוצאות שבת ויום טוב אז עס קומט צוריק.

## 'געלט' פאר דיר און פאר דיין 'שכן'

ווייניג טעג אין די יאר זענען אזעלכע אנגעצויגענע טעג ווי די טעג צווישן יום כיפור און סוכות. אין די טעג דארף מען אניאגן אסאך. מען דארף עספיען צו מאכן א סוכה, א לולב, אויסרישן די שטוב און נאך אסאך גוטע זאכן וואס עס פעלט זיך אויס פאר'ן שטוב.

אין אזעלכע טעג איז די שול ליידיג, אבער איך האב זיך יא אריינגעזעצט אין שול לערנען.

עס איז געקומען פון מיין פרוי, זי האט מיר געשטופט דערצו, זאגנדיג אז אין זכות פון די תורה, וועט אריינקומען א ברכה אין די צייט.

זיץ איך אזוי אין שול און מען לערנט געשמאק, ווען אינמיטן קומט אריין א חשובער איד אין שול און דערנענטערט זיך צו מיר און געבט מיר $200.

איך האב זיך געוואונדערט - וואס איז געשען? פארוואס געבט ער מיר געלט? מיר קענען זיך נישט. איך האב זיך באדאנקט פאר אים און כ'בין צוריק געגאנגען צו די גמרא.

עטליכע מינוט איז פארביי און איך האב אנגעהויבן פארשטיין וואס דא איז געשען. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז נעבן מיר איז געזעצן א איד וואס האט פריער געבעטן דעם איד א שיינע נתינה.

דער איד האט פשוט א טעות געהאט!

זייטיג איז געשטאנען איינער פון די עסקנים. צוזעענדיג וואס דא האט פאסירט און צו וועמען דאס געלט האט באמת געדארפט גיין, האט ער אויפגעמערקט דעם נדבן איבער זיין טעות.

דער נדבן איז אריין אין א פארלעגנהייט. ער האט נישט געוואלט צוריקבעטן דאס געלט, אבער ער האט נישט געוואלט יענעם נישט געבן.

ער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה און ארויסגענומען פון טאש נאך 200 דאלער און עס געגעבן פאר דעם צווייטן איד.

איך האב געוואוסט ביי מיר אז דא איז נישט געשען קיין טעות, אז אלעס איז פון אויבן.

ווי האט מיין בני בית געזאגט, אין זכות פון די תורה וועט אריינקומען א ברכה.

טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערוויל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז

אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

**העברה לבנק לאומי**
בנק 10 |סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר**
לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס**
ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### דער יסוד פון די מצוה פון ארבעה מינים

הראונו חז"ל לדעת מהו יסוד מצוות נטילת ד' מינים, שהוא כדי לחזק זאת האמונה ולהראות כי אנחנו נשארים בכל המצבים דבוקים בהקב"ה, בו נגיל ונשמח, ובו יבטח ליבנו, עם נברא יהלל קה, להראות שעל אף כל הייסורים והצרות, המחלות והרדיפות, האסונות הנוראות הקורים ליחיד ולמשפחות, על אף כל זאת אנו 'עם נברא', המצוי בכל העיתים תחת השגחתו הפרטית של בורא עולם, ובכל המצבים נהלל את ה' יתברך בכל ליבנו, ונקרא רק אליו, כי הוא רוענו אשר הוא היטיב ומיטיב וייטיב לנו, ואף בעת הזאת לא עזבנו, ורק הוא אשר יושיענו. ולזה אנו באים עם הד' מינים לקלס ולשבח את הבורא יתברך, ואנו מראים כי אף בדור כזה, שאין לנו לא כהן ולא נביא וכו', והרשעות מתגברת והולכת וכו', אנו בקרבתו של הקב"ה, ורצוננו לשמוח עמו בישועתו.

(דרכי החיים)

### תפילת הערער

**פנה אל תפילת הערער ולא בזה את תפילתם, תכתב זאת לדור אחרון ועם נברא יהלל י-ה** (תהילים קב, יח-יט). אז מען איז מדייק אין דער לשון הפסוק ווערט שווער. דער פסוק הייבט זיך אן מיט די ווערטער - "תפילת הערער" וועלכע ווייזט אויף א לשון יחיד און ער ענדיגט צו מיט די ווארט - "תפילתם" וואס איז משמע אז עס איז לשון רבים. עס וואלט געדארפט שטיין "פנה אל תפילת הערערים" אדער זאל מען מסיים זיין בלשון יחיד - "תפילתו". דער מדרש פרעגט די קשיא און זאגט **אמר רבי יצחק:** רבי יצחק האט געזאגט **כלפי דורות אמרו שאין להם לא נביא ולא כהן ולא בית המקדש שיכפר עליהם, אלא עוד תפילה אחת שנשתייר להם** אז מ'רעדט פון דורות וואס איז זיי גארנישט געבליבן נישט קיין כהן, נישט קיין לוי, נישט קיין בית המקדש, נאר תפילה און דאס איז פשט אין פסוק "תפילת הערער" - עס גייט ארויף אויף די תפילה אז די תפילה איז א יחיד ווי אן ערער בערבה **שהם מתפללין בראש השנה ויום הכפורים, ולא תבזה אותו מהם, הוי "ולא בזה את תפילתם"** און מ'מיינט די תפילה פון ראש השנה און יום כיפור אז די תפילה זאל זיין **תכתב זאת לדור אחרון ועם נברא** דער מדרש שטעלט זיך אויף דער לשון **וכי עדיין אומה עתידה להבראות, שהוא אומר ועם נברא?** [...] **רבנן אמרי: אלו הדורות שהן כמתים במעשיהם** ענטפערן די חכמים אז עס גייט ארויף אויף דער דור וואס ווערט גערעכענט כמתים אז זיי האבן נישט קיין תורה און קיין מעש"ט **ובאין ומתפללין לפניך בראש השנה וביום הכפורים** און מיט דעם אלעם קומען זיי אין שול אריין און דאווענען **ואתה בורא אותן בריה חדשה און דאן איז זיי הקב"ה בורא ווי א פרישע בריה, און דאס איז פשט אין פסוק** "תכתב זאת לדור אחרון" אז אויך אין דער דור אחרון וועט הקב"ה זיי באהיטן און פארשרייבן פאר א גוט יאר **ומה מוטל להם לעשות? ליקח הדס** וערבה אתרוג **ולולב ולהלל אותך, שנאמר ועם נברא יהלל י-ה.**

(מדרש תהילים קב)

### זעה איין אז אלעס איז פון הקב"ה

כשמבין כי הכול בידי שמים, שוב לא במהרה יחטא. אדרבא, יוסיף שבח ותהילה לה' כפי אשר גמל עליו. ונראה לי לפרש בזה הקרא "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו", ובמדרש "גם אויביו - זה יצר הרע", ולהנ"ל אתי שפיר, כי אם יאמר אדם שכל דרכיו ברצות ה' והכול מאתו יתברך שמו ומה' מצעדי גבר, שוב אין ליצר הרע שליטה בו, ואז "גם אויביו ישלים אתו זה יצר הרע" ואתי שפיר. ויפה אמרו "דין גירא", כי על ידי שיהלל ה' בד' מינים, ומבין כי הכל נתן לו ה', מתייאש היצר הרע מלהסיתו, וירא כי לא יכול לו.

(כתב סופר)

### די ד' מינים איז אונטער די השגחה פון הקב"ה אליין

שמעתי כי לכל אילן ואילן או עשב או ירק יש שר שולט עליו ואומר לו 'גדל', וד' מינים אלו, לא השליטם הקב"ה ביד שר ושוטר, אלא כביכול מכוחו ומהשגחתו הפרטית הם גדלים. ולזה ציווה לנו ליקח אלו הד' מינים מיוחדים לו בחג, להראות לכל שעם ה' אלה, והנה הנם בידו, שאין להם פחד ואימה משום בריה בעולם, ואפילו לסמא"ל אין לו כח לשלוח יד בהם, אחר שהם מצוינין ומסומנים בסימן של מלך.

(סדר היום)

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
### פון הרה"צ ר' יהודה מאנדל שליט"א

## גלייבן אין דער כח פון תשובה

ווען א איד טוט תשובה, אפילו אז די תשובה איז א שוואכע תשובה, איז ער שוין א צווייטער מענטש, ער איז שוין נישט דער זעלבער מענטש וואס ער איז געווען פריער.

תשובה האט א מורא'דיגע כח! עס שאקלט וועלטן! נישט אלעמאל ווייסן מיר צו שעצן איר גרויסן כח. עס איז דא איינער וואס ווייסט יא איר כח, דער איינער איז דער יצר הרע. ער ווייסט גוט וואספארא כח תשובה האט, און וועגן דעם פארלייגט ער אלע כוחות אין די וועלט אז א מענטש זאל נישט תשובה טון.

ער רעדט צו דעם מענטש און זאגט אים אז דיין תשובה איז דאך גארנישט, דאס הייסט נישט תשובה, דו שעמסט זיך, דו זינדיגסט און דו טוסט תשובה, ער שטעלט זיך אהער ווי דער בעל מוסר און מוסר'ט דעם מענטש, נישט אזוי טוט מען תשובה. אבער ער איז פאלש, דער אמת איז ווי דער רבינו יונה שרייבט אין אנהייב פון זיין ספר שערי תשובה [אות ט'] אז יעדער תשובה האט א סליחה. דער הבדל צווישן א איד וואס האט געטון תשובה, פון 'פאר' ער האט געטון תשובה ביז 'נאך', איז אין לשער ואין לתאר.

מ'דארף גלייבן אין די תשובה און מ'דארף גלייבן אין די שינוי וואס די תשובה ברענגט אויפ'ן מענטש. א איד דארף ארייננעמען אין זיך די אמונה אז נאך די תשובה, אפילו פון שוואכע תשובה, זענען די חטאים מער נישט זיינע.

ווילאנג ער גלייבט אז זיי זענען נאך זיינע האט די תשובה נישט קיין כח, ער איז גורם אז ער זאל נאכאמאל זינדיגן, אבער ווער עס גלייבט אין זיין תשובה, אז עס האט אים געטוישט, אז זאכן האבן זיך געטוישט, עפענט א נייער בלאט פאר זיך און העלפט זיך ארויס, זיינע וועגן ווערן בעסער און בעסער.

מען זאל אייביג חזר'ן דער כלל. יעדער זאך אין די וועלט מעסט זיך לויט די חשיבות וואס א מענטש געבט פאר איר. עס איז אזוי ביי יעדע מצוה און עס איז אזוי ביי די מצוה פון תשובה. אז א איד איז מחשיב 'תשובה' און זיין 'תשובה', ער זעט אין איר אן אמת'ער זאך, ער גלייבט אז זיינע חטאים זענען געווארן פארגעבן - ווערט עס אזוי.

דער רמב"ם אין הלכות תשובה [ז, ד] לויבט אויס די מעלה פון תשובה, ער רעדט ארום איבער די גרויסקייט פון א בעל תשובה, אז ער איז חביב לפני המקום, ווי חז"ל זאגן אז במקום שבעלי תשובה עומדים קענען צדיקים גמורים נישט שטיין.

מיר זענען יעצט אין די ימי התשובה, מיר דארפן זיך שטארקן אין דעם, גלייבן אין דעם, דאנקען אויף דעם, אויף די גרויסע מתנה וואס מיר האבן - אז מיר קענען תשובה טון, אז מיר האבן אזא מתנה און גלייבן אין דער טויש וואס תשובה ברענגט אויפ'ן מענטש.



# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באַטעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633